**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט באריכט פאר ניו יארקער איבער זיכערהייט באווארענונגען נאכפאלגנדיג ערד ציטערניש פון 4.8 שטארקייט**

***גאווערנער האט פאראָרדנט פאר אלע סטעיט אגענטורן צו איבערקוקן קריטישע אינפראסטרוקטור, אפשאצן מעגליכקייט פאר שאדנס נאכפאלגנדיג ערד ציטערניש און מערערע נאכפאלגנדע שאקלונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געגעבן א באריכט פאר ניו יארקער איבער די זיכערהייט באווארענונג שריט וואס זענען אונטערגענומען געווארן נאכפאלגנדיג די נעכטיגע 4.8-שטארקייט ערד ציטערניש, און זי האט דערמאנט פאר די פובליקום איבער די רעקאמענדירטע שריט צו אונטערנעמען צו בלייבן זיכער דורכאויס אן ערד ציטערניש. אין לויף פון די פארגאנגענע 24 שעה האט די פאראייניגטע שטאטן געאלאגישע סורוועי (U.S. Geological Survey) אויפגעכאפט צום ווייניגסטנס 25 נאכפאלגנדע שאקלונגען ('עפטערשאָקס') אין צענטראל ניו דזשערסי — פילע פון וועלכע זענען געפילט געווארן אין ניו יארק סיטי און אריבער דעם ראיאן.

"מיין הויפט פריאריטעט איז צו האלטן מענטשן זיכער, און איך האב פאראָרדנט סטעיט איינגעשטעלטע צו אונטערנעמען אלע נויטיגע באווארענונג מאסנאמען נאכפאלגנדיג די נעכטיגע היסטארישע ערד ציטערניש", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין די צייט ווייסן מיר נישט איבער קיין שום פארוואונדעטע, און מיר ווייסן איבער מינימאלע שאדן פון די ערד ציטערניש. מיר וועלן פארזעצן צו נאכפאלגן די מצב און איבערגעבן די לעצטע אינפארמאציע פאר ניו יארקער ווי נויטיג."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון הײמלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די ניו יארק סטעיט וואַטש צענטער (Watch Center) איז אויף א הויכע וואכזאמקייט שטאל און זעצט פאר צו נאכפאלגן די באוועגונגען אין די ערד אין קאארדינאציע מיט די פאראייניגטע שטאטן געאלאגישע סורוועי. סטעיט עמערדזשענסי פארוואלטונג איינגעשטעלטע בלייבן אין פארבינדונג מיט- און זענען גרייט צו שטיצן לאקאלע קאלעגן מיט סיי וועלכע פאטענציאלע באדערפענישן.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**
נאכפאלגנדיג די נעכטיגע ערד ציטערניש, זענען אינספעקציע מאנשאפטן ארויסגעשיקט געווארן צו אונטערזוכן הונדערטע בריקן און אנדערע קריטישע אינפראסטרוקטור אריבער די סטעיט, לויט די NYS טראנספארטאציע דעפארטמענט (NYS Department of Transportation, NYSDOT) פאליסי. די NYSDOT האט יעצט נישט קיינע באריכטן איבער סיי וועלכע באלדיגע שאדנס צו איר אינפראסטרוקטור, אבער זי וועט האלטן די פובליקום אינפארמירט איבער ווייטערע אנטוויקלונגען.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

אויף א באלדיגן פארנעם נאך די ערד ציטערניש, האבן איינגעשטעלטע פון די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS) זיך פארבינדן מיט די גרויסע יוטיליטי פירמעס אין ניו יארק סטעיט – Con Edison, O&R, PSEG LI, Central Hudson, NYSEG, RG&E און National Grid – און עס איז ווייטער נישטא קיינע באריכטעטע אנגעלעגנהייטן און/אדער אנדייטונגען איבער פראבלעמען צוליב די ערד ציטערניש אויף די עלעקטריציטעט, נאטורליכע גאז אדער דאמף סיסטעמען. די DPS זעצט פאר צו אנהאלטן דירעקטע פארבינדונג מיט יוטיליטי פירמע פירערשאפט, און זיי וועלן באריכטן איבע סיי וועלכע אנגעלעגנהייטן קומען ארויף. אין צוגאב, זענען איינגעשטעלטע געשטאנען אין פארבינדונג מיט די נוקלעארע פּאַווער פלענטס וואס זענען אין אפעראציע אויף לעיק אָנטאַריאָ — אלע פון וועלכע באריכטן אז עס זענען נישטא קיינע אנגעלעגנהייטן אדער סימנים פון פראבלעמען. די אינדיען פּוינט פּאווער פלענט וואס איז ארויס פון באנוץ אין וועסטשעסטער קאונטי האט באשטעטיגט אז קיינע אנגעלעגנהייטן זענען נישטא אין די צייט, אויפן-ארטיגע איינגעשטעלטע האבן פאטראלירט די שטח און קיינע זארגן זענען געפונען געווארן. אין צוגאב זענען קיינע פראבלעמען נישט באריכטעט געווארן פון די טעלע-קאמוניקאציעס סעקטאר.

**מעטראפאליטען טראנספּארטאציע אויטאריטעט**

נאך די ערשטיגע 4.8-שטארקייט ערד ציטערניש האט די מעטראפאליטען טראנספּארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) דורכגעפירט אינספּעקציעס אריבער די ראיאן וואו זיי שטעלן צו סערוויס, אריינרעכענענדיג סאָבוועי טונעלן אונטער וואסער, קאר טונעלן, בריקן און פאסאנזשיר באנען אינפראסטרוקטור, געפונענדיג קיינע באריכטעטע פראבלעמען. נאכפאלגנדיג די באדייטנדע נאכפאלגנדיגע שאקלונג אוונט, זענען סטאנדארטיגע נאכפאלגנדע אינספּעקציעס דורכגעפירט געווארן אויף די אינפראסטרוקטור, ווידעראמאל נישט געפונענדיג קיינע פראבלעמען.

אין צוגאב זענען איינגעשטעלטע וואס געפונען זיך אריבער די טראנספּארטאציע נעטווארק אנגעוויזן געווארן צו באריכטן סיי וואס איז נישט ווי געוויינטליך, און גארנישט איז געטראפן געווארן. די MTA וועט פארזעצן צו נאכפאלגן די מצב פון די נאענט און אויספאלגן פראטאקאלן אין פלאץ ווען באוועגונג פון די ערד קומט פאר.

**ניו יארק פּאווער אויטאריטעט**

די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) האט דורכגעפירט באלדיגע אינספּעקציעס אויף אירע עלעקטריציטעט אויפטרייבונג מיטלען און אפיסעס אין די ערד ציטערניש-באטראפענע ערטער. קיין שום פראבלעמען זענען געטראפן געווארן. עס זענען אויך נישט געווען קיינע ווירקונגען אויף NYPA'ס עלעקטריציטעט דראטן אינפראסטראקטור אלס רעזולטאט פון די ערד ציטערניש.

**לאנג איילענד פּאווער אויטאריטעט**

צוזאמען מיט איר סערוויס פּראָוויידער, האט די לאנג איילענד פּאווער אויטאריטעט דורכגעפירט אינספּעקציעס פון איר קריטישע אינפראסטרוקטור אריבער לאנג איילענד און די ראַקעוועיס. עס זענען נישט געווען קיינע סימנים פון שאדן פון די ערד ציטערניש אדער די נאכפאלגנדע שאקלונגען. יוטיליטי פירמע מאנשאפטן וועלן פארזעצן צו דורכפירן אפשאצונגען דורכאויס דעם סוף וואך.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי**

ביי פארט אויטאריטעט בריקן און טונעלן, זענען נישט געווען קיינע ווירקונגען אויף אפעראציעס אדער פיזישע ווירקונגען, אבער אינדזשענירונג, אויפהאלטונג און PAPD מאנשאפטן פירן דורך נאך אינספּעקציעס.

ראַנוועיס ביי אלע פארט אויטאריטעט לופטפעלדער זענען באלד אינספעקטריט און געעפנט געווארן. פליגער וואס זענען געווען אין די לופט אויפן וועג צו JFK האבן געהאט מינימאלע פארשפעטיגונגען. פליגער וואס האבן געדארפט ארויספארן צו JFK און וועלכע האבן זיך נאכנישט אויפגעהויבן זענען געלאזט געווארן ביי די לופטפעלדער פון וואו זיי זענען ארויסגעפארן פאר איין שעה, פון 10:21 פארמיטאג ביז 11:22 פארמיטאג. די 'עיר טרעין' JFK סערוויס איז נישט אפעקטירט געווארן. עס זענען נישט געווען קיינע פארשפעטיגונגען אדער אומוועגן באריכטעט ביי לאגווארדיע אדער סטוארט לופטפעלדער.

PATH סערוויס איז נישט אפעקטירט געווארן. עס זענען נישט געווען קיינע באריכטעטע ווירקונגען אויף די מידטאון באס טערמינאל, די דזשארדזש וואשינגטאן בריק באס טערמינאל, די וועלט האנדל צענטער קאמפלעקס, די פארטן אדער אנדערע פארט אויטאריטעט איינריכטונגען.

**ערד ציטערניש באריכט**

| | | |
|---|---|---|
| 2024-04-06T04:18:26.965EST | 1.9 | 4 קילאמעטער מזרח (E) פון קעליפאן, ניו דזשערסי |
| 2024-04-06T04:09:18.260EST | 1.7 | 6 קילאמעטער מזרח פון דרום-מזרח פון (ESE) פון קעליפאן, ניו דזשערסי |
| 2024-04-06T03:11:18.616EST | 1.7 | 4 קילאמעטער מערב פון דרום-מערב (WSW) פון בעדמינסטער, ניו דזשערסי |
| 2024-04-06T01:07:47.436EST | 1.7 | 5 קילאמעטער דרום-מערב (SW) פון גלעדסטאָון, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T20:51:18.307EST | 1.5 | 5 קילאמעטער מערב פון דרום-מערב (WSW) פון גלעדסטאָון, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T20:39:11.635EST | 1.8 | 4 קילאמעטער מערב (W) פון בעדמינסטער, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T19:39:23.815EST | 1.5 | 5 קילאמעטער צפון-מזרח (NE) פון ווייטהאוז סטאנציע, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T19:10:49.196EST | 1.9 | 3 קילאמעטער דרום-מערב (SW) פון בעדמינסטער, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T18:16:18.281EST | 1.9 | 5 קילאמעטער מערב פון דרום-מערב (WSW) פון בעדמינסטער, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T17:59:13.778EST | 3.8 | 7 קילאמעטער דרום-מערב (SW) פון גלעדסטאָון, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T16:21:07.157EST | 1.9 | 3 קילאמעטער מזרח פון צפון-מזרח (ENE) פון ווייטהאוז סטאנציע, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T16:13:47.904EST | 2 | 6 קילאמעטער צפון פון צפון-מזרח (NNE) פון ווייטהאוז סטאנציע, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T14:40:20.185EST | 1.8 | 6 קילאמעטער מזרח פון דרום-מזרח פון (ESE) פון קעליפאן, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T13:32:13.627EST | 2.2 | 4 קילאמעטער צפון-מזרח (NE) פון ווייטהאוז סטאנציע, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T13:21:55.646EST | 1.9 | 6 קילאמעטער מזרח (E) פון קעליפאן, ניו דזשערסי |

| | | |
|---|---|---|
| 2024-04-05T13:18:48.029EST | 2 | 5 קילאמעטער דרום פון דרום-מערב (SSW) פון טשעסטער, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T13:14:13.044EST | 2 | 4 קילאמעטער דרום (S) פון טשעסטער, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T12:49:49.389EST | 1.8 | 6 קילאמעטער צפון פון צפון-מזרח (NNE) פון ווייטהאוז סטאנציע, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T12:31:50.989EST | 1.8 | 7 קילאמעטער מערב (W) פון בעדמינסטער, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T11:49:36.690EST | 2 | 5 קילאמעטער דרום פון דרום-מערב (SSE) פון לאנג וועלי, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T11:37:10.448EST | 1.8 | 6 קילאמעטער מזרח פון דרום-מזרח (ESE) פון קעליפאן, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T11:33:15.007EST | 1.9 | 4 קילאמעטער מזרח פון דרום-מזרח (ESE) פון קעליפאן, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T11:27:56.419EST | 1.9 | 6 קילאמעטער צפון פון צפון-מזרח (NNE) פון ווייטהאוז סטאנציע, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T11:20:20.203EST | 2 | 6 קילאמעטער צפון פון צפון-מזרח (NNE) פון ווייטהאוז סטאנציע, ניו דזשערסי |
| 2024-04-05T10:23:20.309EST | 4.8 | 2024 ווייטהאוז סטאנציע, ניו דזשערסי ערד ציטערניש |

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן